**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ווארנט ניו יארקער אזוי ווי לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי איז פארברייטערט געווארן צו די גאנצע סטעיט**

***ערשטמאליגע באנוץ מיט עמערדזשענסי סעלפאון אלערטס וועלן ווארענען ניו יארקער ווען לופט קוואליטעט אינדעקס שטייגט איבער 200 וואס איז פאררעכנט 'זייער נישט געזונטע' לופט***

***מעגליכקייט פאר צייטווייליגע הערכערונגען אין לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען צו דערגרייכן 'זייער נישט געזונט' אדער 'געפארפול' אריבער די סטעיט די וואך***

***הונדערטער טויזענטער N95-סארט מאסקעס זענען אוועילעבל פאר די פובליק איבער די סטעיט***

***שפיטעלער זאלן בלייבן גרייט פאר אן אריינפלוס פון עמערדזשענסי רום באזוכן פון פאציענטן וועלכע באקומען אטעמען פראבלעמען***

***טראנספארטאציע אויטאריטעטן אריבער די סטעיט נוצן ספיקער סיסטעמען, שילדן אויף באסעס, סאָושעל מידיע און אנדערע עלעקטראנישע שילדן צו איבערגעבן לופט קוואליטעט-פארבינדענע זיכערהייט אינפארמאציע דירעקט צו די פאסאנזשירן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי פאר היינט איז פארברייטערט געווארן צו ארייננעמען די גאנצע סטעיט אזוי ווי רויעך פון קאנאדישע וואלד פייערן זעצט פאר צו פאראורזאכן די לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) צו אנקומען צו נישט געזונטע שטאפלען. די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און העלט דעפּארטמענט (Department of Health, DOH) האבן געטוישט די לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פאר היינט מיטוואך, יוני 28, צו ארייננרעכענען גאנץ ניו יארק סטעיט. די לופט אין מערב ניו יארק, צענטראל ניו יארק און די מזרח לעיק אָנטאַריאו ראיאנען איז פאראויסגעזאגט צו זיין 'נישט געזונט' פאר אלע ניו יארקער. די פאראויסגעזאגטע צושטאנד פאר די רעשט פון די סטעיט, ארייננרעכענענדיג ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, איז 'נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס'. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט די באנוץ צום ערשטן מאל מיט סעלפאון אלערטס וועלכע וועלן גענוצט ווערן צו ווארענען ניו יארקער אויב די לופט קוואליטעט אינדעקס שטייגט איבער די שטאפל פון 200 וואו עס הייסט 'זייער נישט געזונטע' לופט און האלט אן פאר לענגער פון א שעה. די אלערטס וועלן אריבערגעפירט דורך די 'דראטלאזע עמערדזשענסי אלערט' (Wireless Emergency Alert) סיסטעם, אנגעפירט דורך די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services).

"מיט רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן ווידעראמאל באטרעפנדיג די לופט קוואליטעט אריבער אונזער סטעיט די וואך, מוטיגן מיר ניו יארקער צו בלייבן פארזיכטיג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר אקטיוויזירן עמערדזשענסי סעלפאון אלערטס צו זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן די לעצטע אינפארמאציע, און מיר זעצן פאר צו קאארדינירן מיט לאקאלע קאונטיס צו נאכפאלגן די אומשטענדן און פארטיילן מאסקעס. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו מיטהאלטן די לעצטע נייעסן און אונטערנעמען די נויטיגע באווארענונג מאסנאמען זיך אליין צו באשיצן און צו באשיצן אייערע באליבטע."

באדייטנדע שטאפלען פון רויעך נאענט צו די ערד זענען דערווייל נישט פאראויסגעזאגט צו אנקומען צו מזרח ניו יארק, אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, ביז שפעט נאכמיטאג. די אומשטענדן וועלן אבער ווארשיינליך פארערגערט ווערן שנעלערהייט איינמאל די רויעך רוקט זיך אריין. סטעיט אגענטורן זעצן פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט אריבער די סטעיט פון די נאענט אזוי ווי די רויעך איז פאראויסגעזאגט צו פארזעצן זיך צו רוקן צו די מזרח חלקים פון ניו יארק סטעיט דאנערשטאג, יוני 29. כאטש די לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען זענען פאראויסגעזאגט צו זיין צווישן 'נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס' און 'נישט געזונט' פאר יעדן איינעם דורכאויס די גאנצע צייט, דאך גיבן די DEC און DOH ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס און די פאסיגע אנווייזונגען באזירט אויף די פאראויסגעזאגטע אומשטענדן פאר 24 שעה, און אין געוויסע שעה'ן קענען די שטאפלען זיין העכער פון די פאראויסגעזאגטע שטאפלען פאר די ראיאנען. באזוכט dec.ny.gov פאר [די לעצטע פאראויס זאגונגען](#) און פאר אינפארמאציע איבער [לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען](#).

אונטער די גאווערנער'ס אנווייזונגען זענען הונדערטע טויזנטע N95-סטיל מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט צוגעשטעלט געווארן פאר ניו יארקער צו אדרעסירן די השפעות פון די לופט קוואליטעט. אין ניו יארק סיטי פארטיילן די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט, פארט אויטאריטעט און די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) מאסקעס פאר פאסאנזשירן ביי גרויסע טראנספארטאציע צענטערן און ביי סטעיט פארקס. נאך מאסקעס ווערן צוגעשטעלט פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי ביי סטעיט-אנגעפירטע זאפאסן צו ווייטער פארטיילט ווערן פאר די פובליקום.

מאסקעס זענען דא צו באקומען ביי די פאלגנדע לאקאציעס:

- גרענד צענטראל טערמינאל
- פען סטאנציע
- פולטאן צענטער
- דזשעמעיקע צענטער
- הויפט פאסאנזשירן זאל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל, דרום פליגל
- אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין
- גרענד קאנקאורס, בראנקס
- שירלי טשיסהאלם סטעיט פארק
- קלעי פיט פאנדס סטעיט פארק פרעזערוו
- דעני פארעל ריווערבענק סטעיט פארק
- ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק

טראנספארטאציע אויטאריטעטן אריבער די סטעיט באנוצן זיך מיט ספיקער סיסטעמען, שילדן אויף באסעס, סאָושעל מידיע און אנדערע עלעקטראנישע שילדן צו איבערגעבן לופט קוואליטעט-פארבינדענע זיכערהייט אינפארמאציע דירעקט צו פאסאנזשירן, אריינרעכענענדיג:

- מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט
- נעסאו טראנזיט
- וועסטשעסטער קאונטי בי-ליין
- ברום קאונטי טראנזיט
- הויפטשטאט דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט
- צענטראל ניו יארק ראיאנישע טראנספארטאציע אויטאריטעט
- ראטשעסטער דזשענעסי ראיאנישע טראנספארטאציע אויטאריטעט
- ניאגארא פראנטיער טראנספארטאציע אויטאריטעט

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "DEC וועטער עקספערטן האבן געטוישט די פאראויסגעזאגטע אומשטענדן פאר היינט אזוי ווי די קנויל פון רויעך רוקט זיך ווייטער מזרח. מיר וועלן פארזעצן צו האלטן די פובליקום אינפארמירט איבער די באדייטנדע השפעות פון די רויעך נידעריג נאענט צו די ערד וועלכע זענען ערווארטעט אריבער די סטעיט אזוי ווי די אומשטענדן טוישן זיך."

**סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "מיט העכערע שטאפלען פון פארפעסטיגונג אין די לופט יעצט פאראויסגעזאגט פאר די גאנצע סטעיט, רעקאמענדירט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט אז ניו יארקער זאלן זיין וואכזאם פון זייער לאקאלע לופט קוואליטעט און אונטערנעמען נויטיגע באווארענונג שריט, מעגליך אריינרעכענענדיג דאס באגרעניצן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן כדי צו פארקלענערן די געפאר פון אומגעוואונטשענע השפעות אויף די געזונט. מענטשן וועלכע זענען באזונדערס עמפינדליך צו העכערע שטאפלען פון שטויב אין די לופט, אריינרעכענענדיג גאר קליינע קינדער און מענטשן וועלכע האבן אנדערע אטעמען פראבלעמען צוםביישפיל הארץ קראנקהייט אדער אסטמא, זאלן זיך צוריקהאלטן פון פארברענגען צייט אינדרויסן, אויב מעגליך, אין פלעצער וואו די AQI איז העכער 100. איר קענט נאכפאלגן די שטאפלען אין אייער געגנט אויף airnow.gov אדער אויף די וועטער עפּ אויף אייער טעלעפאן. אויב איר מוזט ארויסגיין אינדרויסן אין פלעצער וואו די לופט איז 'נישט געזונט' אדער ערגער, דאן זאלט איר נעמען אין באטראכט צו טראגן אן N95 מאסקע. די וועלכע הויבן אן שפירן סימפטאמען אדער וואס זייערע סימפטאמען ווער ערגער, זאלן נעמען אין באטראכט צו רעדן מיט זייער פערזענליכע דאקטאר."

די DEC און DOH געבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען אָזאָון אדער שטויב אין די לופט (particulate matter, PM2.5) זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון אזויפיל ווי 100. זיך אויפצושרייבן פאר עדווייזעריס געשיקט דורך אימעיל, ביטע דרוקט [דא](#).

די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט עצה'ט צו אונטערנעמען באווארענונג שריט לויט ווי עס פעהלט זיך אויס. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן סכנות רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער 100 ('נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס'), זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל 'קאנדזשעסטיוו הארט פעיליור', האבנדיג געהאט א הארץ אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען) און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער און טראגעדיגע מענטשן.

- ווען די AQI איז העכער פון 150 ('נישט געזונט'), זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טוהן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין עמפינדליכע גרופעס זאלן זיך אינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט, באזונדערס טראגעדיגע פרויען וועלכע קענען גרינגער אויסלויפן פון אן אטעם. אין צוגאב זאלן געוויסע ארבייטער וועלכע זענען עמפינדליך ארבעט אינעוויייניג, און קעמפּ דירעקטארס זאלן וויסן די פאראויסגעזאגטע לאקאלע AQI און אלערט שטאפל און אויספאלגן די AQI אנווייזונגען.
- ווען די AQI איז העכער 200 ('זייער נישט געזונט'), זאלן עמפינדליכע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון אלע פיזישע אקטיוויטעטן אינדערויסן, און אפשטופן אדער אריינרוקן אקטיוויטעטן אינעוויייניג. אלע אנדערע זאלן זיך צוריקהאלטן פון לאנגע אדער אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן.
- ווען די AQI איז העכער 300 ('געפארפול") זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון דרויסנדיגע פיזישע אקטיוויטעטן.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, איז עס רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-צוגעדרוקטע פנים מאסקע ווען די לופט קוואליטעט איז 'נישט געזונט'. אן N95 אדער KN95 וועט ארבען די בעסטע.

מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט ווערט פארעפנטליכט דא. צו זעהן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו www.airnow.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418